# אויפן מאָנטרעאַלער פילם-פעסטיוואַל

פון דוד-הירש ראָסקעס

(פריינט ראָסקעס איז אַן 18-יאָריקער היגער געבוירענער בחור. ער איז אַ גראַדואַנט פון די אידישע פאָלקס שולן און אין 1964 האָט ער געהאָלפן גרינדן די אידישע יוגנט-באַוועגונג יוגנטרוף. איצט איז ער אַ מיט-רעדאַקטאָר פון זייער פערטעליאָר-שריפט. ער גייט אַריין אין צווייטן יאָר בראַנדייס-אוניווערזיטעט. — רעד.)

אַרויסצוגעבן אַ אידיש בוך קאָסט אַרום דריי טויזנט דאָלער. דאָס פּראָדוצירן אַ פילם פאָדערט אַמווייניקסטנס אַכציק טויזנט. מוז דער פילם-רעזשיסער געפינען אַ רייכן פינאַנצירער איידער ער קען אַפילו טראַכטן וועגן טעמעס. די דאָזיקע טעמעס קענען ניט זיין קיין געוואַגטע ווייל געלט-מעצענאַטן זיינען געוויינטלעך גאַנץ קאָנסערוואַטיווע מענטשן. דער מאָנטרעאַלער פילם-פעסטיוואַל האָט אָט דעם פאַקט פעסטגעשטעלט.

איידער מיר גייען צו צו די פּרטים, לאָמיר פריער פאַרשטיין וואָס אַזוינס איז דער פעסטיוואַל. מיט זיבן יאָר צוריק איז ער אָרגאַניזירט געוואָרן פון אַמביציעזע פראַנצויזישע קולטור-טוערס וואָס האָבן געוואָלט ווייזן אינטערנאַציאָנאַלע פילמען. אין יענער צייט זיינען קונסטפילמען בכלל געווען אַ זעלטנהייט ביי אונדז אין שטאָט, און די קוויבעקער צענזור האָט זייער געשטערט. אין 1963 האָט די פאַרוואַלטונג געשאַפן אַ קאַנאַדער פילם-פעסטיוואַל אין די ראַמען פונם אינטערנאַציאָנאַלן. די קאַנאַדער פילמען זיינען אַריין אין אַ קאָנקורס וואָס די בעסטע פון זיי האָבן באַקומען גרויסע געלט-פרעמיעס. דער פעסטיוואַל האָט סטימולירט די גאָר נייע קאַנאַדער פילם-אינדוסטריע, און איז געווען אַ זאַמלפונקט פאַר אַן עולם צו זען די שאַפונגען פון זיין אייגן לאַנד.

וואָסער עולם באַזוכט דעם פעסטיוואַל וועלכע קומט פאָר יעדן זומער אין לאָום טעאַטער? וועגן דעם זיינען דאָ גענויע סטאַטיסטיק. דער עולם באַשטייט אַמערסטנס פון יונגע מענטשן. 72 פּראָצ. זיינען פון 15 ביז 35 יאָר אַלט, און בלויז 13 פּראָצענט זיינען עלטער פון 40 יאָר. מער פון 60 פּראָצענט פון די צוקוקערס זיינען קאַנאַדער-פראַנצויזן, און כמעט אַ העלפט פונם עולם זיינען מענטשן מיט העכערער בילדונג. דאָס באַווייזט אונדז אַז דער פעסטיוואַל איז געוואָרן אַן אונטערנעמונג פאַר אַ יונגן אינטעלעקטואַלן עולם.

איצט וועגן די פילמען גופא. ווי געזאָגט, זיינען די טעמעס ניט געווען זייער אָריגינעל. פון די עלף פילמען וואָס מיר האָבן געזען האָבן זיבן (!) באַהאַנדלט דעם „אייביקן דרייעק”, אויף אַזאַ צי אויף אַן אַנדער אופן. אויף פיל אופנים קאָן מען שילדערן אַ ליבע-סצענע? וויפיל שטרויכלונגען קען מען אויסטראַכטן פאַר צוויי געליבטע? איז לאָמיר מאַקע זען:

דער פראַנצויזישער פילם „אַ מאַן און אַ פרוי” פון קלאָד לאַלוש האָט דערציילט וועגן אַן אַלמן און אַן אַלמנה וואָס טרעפן זיך איין שיינער ווינטערנאַכט. דאָ איז די פאָרם אַ סך וויכטיקער פאַרן אינהאַלט. לעלוש ניצט קאָלירן צו שאַפן שטימונגען, און זיין דערפאָלג איז ניט צו באַשרייבן. דער עקראַן לעבט אויף מיט דער נאַטור, מיט שניי און רעגן, גראָזן און וואָלקנס. מיט אַזאַ הינטערגרונט קען יעדע מעשה, ווי באַנאַל זי זאָל ניט זיין, ווערן אַ קונסטווערק.

דער קאַנאַדער פילם „ווען דער מאָרגן שטאַרבט” פון לאַרי קענט האָט אויך געהאַט אַ באַנאַלע סצענאַר, אָבער דאָ האָט די פאָטאָגראַפיע אים ניט געקענט אַרויסראַטעווען. אַ רייכער פרוי ווערט נמאס איר משפחה, גייט זי נעמען קורסן אינם אוניווערזיטעט. פאַרשטייט זיך אַז זי פאַרליבט זיך אין איר פּראָפעסאָר, אָבער פאַרלאָזט אים סוף כל סוף ווייל ער איז אויך אַ באַווייבטער. און איז בכלל קיין גרויסע געווינס ניט. דער פילם איז פול מיט הומאָר. דער מאַן קומט אַהיים און שרייט: „פאַר וואָס איז דאָס געפעס ניט אויסגעוואַשן!” דאָס וואָס דאַרף קלינגען רעאַליסטיש, קלינגט גאָר לעכערלעך. די אַנדערע פינף קאַנאַדער לאַנגע פילמען (מער ווי אַ שעה) זיינען געווען אַזוי שוואַך, אַז די זשורי האָט ניט געקענט אויסטיילן קיין פרעמיע.

נאָך אַ פראַנצויזישער פילם „זכר-נקבה” דערציילט וועגן אַ ליבע פון אַ סענטימענטאַלן, עמאָציאָנעל הינטערשטעליקן בחור מיט אַן עגאָאיסטישער אַמביציעזער מיידל. מיר ראַטן קיינעם דאָס ניט צו זען. דער ענגלישער פילם „מאָרגאַן” האָט אַריינגעפירט אַ נייעם העלד אין דער מאָדערנער וועלט, אַן אַנטי-העלד וואָס סימבאָליזירט די ענגלישע קאָמוניסטישע פאַרטיי. ביי אים איז פאַראַן אַ קאָנפליקט צווישן ליבע (פאַרן פראָלעטאַריאַט, פאַר זיין געוועזענער ווייב) און שנאה. מיט געוואַלד וויל ער איבערקערן די וועלט, אָבער עס פעלט אים כח דערצו. פאַר אים איז קיין פלאַץ ניטאָ אין דער געזעלשאַפט. דער פילם איז אַ טראַגי-קאָמעדיע וואָס וועט נאָר אויסנעמען ביי אַ יונגן עולם.

פונקט דער היפוך אַזוי דער ראָמאַנטישער גבור אינם רוסישן פילם „שאָטנס

(שלוס אויף לעצטער זייט)

„קענעדער אדלער"

זונטיק, אויגוסט 14, 1966

# Births Jump, 9 Months After N.Y. Blackout

NEW YORK — (CP) — Several New York hospitals reported a sharp increase in births Monday and Tuesday, nine months after the 1965 blackout in the U.S. Northeast and a large part of Ontario.

Six major hospitals reported delivery and labor rooms constantly occupied. The birth increases ranged from 33 to 255 per cent above the hospitals' average for one day.

The New York Times, in a survey of the hospitals, reported 28 births at Mt. Sinai Hospital Monday, a record. The average there is 11 a day.

At Bellevue, where 11 were born a week ago, the nursery had 29 newcomers Monday.

Sociologist Paul Siegel, who is directing a National Opinion Research Council study on the impact of the 1965 blackout on 1,300 persons, said:

"The lights went out and the people were left to interact with each other."

Other sociologists and obstetricians were reluctant to attribute the increase to the blackout. Some, however, ventured the opinion that the disruption in routine and absence of television might have contributed to the phenomenon.

The blackout started between 5 and 6 p.m. Nov. 9. The power failure left almost all of New York City, parts of eight states and much of Ontario in the dark. Some 30,000,000 people were affected. In some areas the power was off until 7 a.m. the next morning.

In areas where the lights were restored in two to three hours, the birth rate appears normal.

# אויפן מאָנטרעאַלער פילם־פעסטיוואַל

פון דוד־הירש ראָסקעס

(פריינט ראָסקעס איז אַן 18־יאָריקער היגער געבוירענער בחור. ער איז אַ גראַדואַנט פון די אידישע פאָלקס שולן און אין 1964 האָט ער געהאָלפן גרינדן די אידישע יוגנט־באַוועגונג יוגנטרוף. איצט איז ער אַ מיט־רעדאַקטאָר פון זייער פּערטעליאָר־שריפט. ער גייט אַריין אין צווייטן יאָר בראַנדייס־אוניווערזיטעט. — רעד.)

ארויסצוגעבן אַ אידיש בוך קאָסט
ארום דריי טויזנט דאָלער. דאָס פּראָדו־
ירן אַ פילם פאָדערט אַמווייניקסטנס
אַכציק טויזנט. מוז דער פילם־רעזשיסער
עפינען אַ רייכן פינאַנצירער איידער ער
ען אפילו טראַכטן וועגן טעמעס. די דאָ־
יקע טעמעס קענען ניט זיין קיין געוואַג־
טע ווייל געלט־מעצענאַטן זיינען גע־
ויינטלעך גאַנץ קאָנסערוואַטיווע מענ־
שען. דער מאָנטרעאַלער פילם־פעסטי־
ואַל האָט אָט דעם פאַקט פעסטגעשטעלט.

איידער מיר גייען צו צו די פּרטים, לאָ־
מיר פריער פאַרשטיין וואָס אַזוינס איז
ער פעסטיוואַל. מיט זיבן יאָר צוריק איז
ר אָרגאַניזירט געוואָרן פון אַמביציעזע
ראַנצויזישע קולטור־טוערס וואָס האָבן
עוואָלט ווייזן אינטערנאַציאָנאַלע פיל־
ען. אין יענער צייט זיינען קונסטפיל־
ען בכלל געווען אַ זעלטנהייט ביי אונדז
ין שטאָט, און די קוויבעקער צענזור
אָט זייער געשטערט. אין 1963 האָט די
אַרוואַלטונג געשאַפן אַ קאַנאַדער פילם־
עסטיוואַל אין די ראַמען פונם אינטער־
אַציאָנאַלן. די קאַנאַדער פילמען זיינען
ריין אין אַ קאָנקורס וואָס די בעסטע
ון זיי האָבן באַקומען גרויסע געלט־
רעמיעס. דער פעסטיוואַל האָט סטימו־
ירט די גאָר נייע קאַנאַדער פילם־אינ־
וסטריע, און איז געווען אַ זאַמלפּונקט
פאַר אַן עולם צו זען די שאַפונגען פון זיין אייגן לאַנד.

וואָסער עולם באַזוכט דעם פעסטיוואַל וועלכע קומט פאַר יעדן זומער אין לאָוס טעאַטער? וועגן דעם זיינען דאָ גענויע סטאַטיסטיק. דער עולם באַשטייט אַמ־מערסטנס פון יונגע מענטשן. 72 פּראָצ. זיינען פון 15 ביז 35 יאָר אַלט, און בלויז 13 פּראָצענט זיינען עלטער פון 40 יאָר. מער פון 60 פּראָצענט פון די צוקוקערס זיינען קאַנאַדער־פראַנצויזן, און כמעט אַ העלפט פונם עולם זיינען מענטשן מיט העכערער בילדונג. דאָס באַווייזט אונדז אַז דער פעסטיוואַל איז געוואָרן אַן אונטערנעמונג פאַר אַ יונגן אינטעלעקטועלן עולם.

איצט וועגן די פילמען גופא. ווי געזאָגט, זיינען די טעמעס ניט געווען זייער אָריגינעל. פון די עלף פילמען וואָס מיר האָבן געזען האָבן זיבן (!) באַהאַנדלט דעם „אייביקן דרייעק", אויף אַזאַ צי אויף אַן אַנדער אופן. אויף פיל אופנים קאָן מען שילדערן אַ ליבע־סצענע? וויפיל שטרויכלונגען קען מען אויסטראַכטן פאַר צוויי געליבטע? איז לאָמיר טאַקע זען:

דער פראַנצויזישער פילם „אַ מאַן און אַ פרוי" פון קלאָד לאַלוש האָט דערציילט וועגן אַן אַלמן און אַן אלמנה וואָס טרעפן זיך איין שיינער ווינטערנאַכט. דאָ איז די פאָרם אַ סך וויכטיקער פאַרן אינהאַלט. לעלוש ניצט קאָלירן צו שאַפן שטימונגען, און זיין דערפאָלג איז ניט צו באַשרייבן. דער עקראַן לעבט אויף מיט דער נאַטור, מיט שניי און רעגן, גראָזן און וואָלקנס. מיט אַזאַ הינטערגרונט קען יעדע מעשה, ווי באַנאַל זי זאָל ניט זיין, ווערן אַ קונסטווערק.

דער קאַנאַדער פילם „ווען דער מאָרגן שטאַרבט" פון לאַרי קענט האָט אויך געהאַט אַ באַנאַלע סצענאַר, אָבער דאָ האָט די פאָטאָגראַפיע אים ניט געקענט אַרויסראַטעווען. אַ רייכער פרוי ווערט נמאס איר משפחה, גייט זי נעמען קורסן אינם אוניווערזיטעט. פאַרשטייט זיך אַז זי פאַרליבט זיך אין איר פּראָפעסאָר, אָבער פאַרלאָזט אים סוף כל סוף ווייל ער איז אויך אַ באַווייבטער. און איז בכלל קיין גרויסע געווינס ניט. דער פילם איז פול מיט הומאָר. דער מאַן קומט אַהיים און שרייט: „פאַר וואָס איז דאָס געפעס ניט אויסגעוואַשן!" דאָס וואָס דאַרף קלינגען רעאַליסטיש, קלינגט גאָר לעכערלעך. די אַנדערע פינף קאַנאַדער לאַנגע פילמען (מער ווי אַ שעה) זיינען געווען אַזוי שוואַך, אַז די זשורי האָט ניט געקענט אויסטיילן קיין פּרעמיע.

נאָך אַ פראַנצויזישער פילם „זכר נקבה" דערציילט וועגן אַ ליבע פון אַ סענטימענטאַלן, עמאָציאָנעל הינטערשטעליקן בחור מיט אַן עגאָאיסטישער אַמביציעזער מיידל. מיר ראָטן קיינעם דאָס ניט צו זען. דער ענגלישער פילם „מאָרגאַן" האָט אַריינגעפירט אַ נייעם העלד אין דער מאָדערנער וועלט, אַן אַנטי־העלד וואָס סימבאָליזירט די ענגלישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי. ביי אים איז פאַראַן אַ קאָנפליקט צווישן ליבע (פאַרן פּראָלעטאַריאַט, פאַר זיין געוועזענער ווייב) און שנאה. מיט געוואַלד וויל ער איבערקערן די וועלט, אָבער עס פעלט אים כוח דערצו. פאַר אים איז קיין פּלאַץ ניטאָ אין דער געזעלשאַפט. דער פילם איז אַ טראַגי־קאָמעדיע וואָס וועט נאָר אויסנעמען ביי אַ יונגן עולם.

פונקט דער היפוך אַזוי דער ראָמאַנטישער גבור אינם רוסישן פילם „שאָטנס

(שלוס אויף לעצטער זייט)

# אויפן מאָנטרעאַלער פילם פעסטיוואַל

(שלוס פון זייט 4)

פון אַ פאַרגעסענעם עבר". כאָטש ער איז אָנגעטאָן אין די קאָסטיומען פון אַמאָליקער אוקראַינע, איז ער די זעלבע (סאָוועטישע רעאַליזם) יענטע, נאָר אַנדערש געשלייערט. דער רעזשיסער סערגיי פּאַראַדיאַנאָוו האָט אַריינגעפּאַקט נאָך צענטליקער אַזעלכע קאָסטיומען, אוקראַינישע פאָלקס-טענץ און לידער און אפילו פּראַוואָסלאַוונע צערעמאָניעס. דער פילם איז געבויט אויף אַ ראָמאַן, געשריבן מיט הונדערט יאָר צוריק פונם אוקראַינישן מחבר מיכאַעל קאָטסובינסקי. די מעשה איז פול מיט קאָלירן און אינטערעסאַנטע טעכנישע עפעקטן — אָבער געוואַלדיק נודנע. עס זעט אויס, אַז נאָר אַזעלכע גאָניאַלע קינסטלער ווי סערגיי אייזנשטיין (געשטאָרבן אין 1948) קענען שאַפן קונסטווערק לויט דער באַשטעלונג פון דער סאָוועט-רעגירונג.

אָבער צווישן דעם אַלעמען האָבן זיך דאָך געפונען אָריגינעלע ווערן. אַזאַ פילם איז געווען „שמעון פונם מדבר" פונם וועלט-באַרימטן רעזשיסער לואיס בונועל. שמעון האָט 27 יאָר געלעבט אויף אַ הויכן סלופּ אין מיטן מדבר און געדאַוונט צו גאָט. אויף אַ גאָר הומאָריסטישן אופן זעען מיר זיינע טאָג-טעגלעכע איבערלעבונגען און לסוף זיינע נסיונות מיטן שטן וואָס נעמט אָן פאַרשיידענע פאָרמען. דער שטן באַהערשט אים סוף כל סוף און שמעון פאַלט אַריין אין גיהנום — אַ ניו-יאָרקער דיסקאָטעק!

ס'איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף צוויי פילמען. איינער איז אַ דאָקומענט-פילם פון דער נאַציאָנאַלער קאַנאַדער פילם-אָפּטיילונג. ער הייסט „מעמאָראַנדום" און שילדערט אויף אַ סענסיטיוון און צוריקגעהאַלטענעם אופן ווי אַ טאָראָנטער איד נעמט מיט זיין זון באַזוכן די טויט-לאַגערן וואָס ער אַליין האָט דורכגעמאַכט. אין די ראַמען פון דעם ראָזיקן באַזוך דערציילט מען וועגן דעם פראַנקפורטער משפט פון געוו. אוישוויצער באַאַמטע, וועגן די זכרונות און פּראָבלעמען פון דער שארית הפליטה, און די אימפּליקאַציעס פונם חורבן. דער פילם איז געוואַלדיק אַנטי-דייטש. אָבער קלאָרער פאַר אַלץ איז דאָס בילד פון די לעבן-געבליבענע: דער טאָראָנטער גלעזער וואָס מוז איבערגעבן די פאַרגאַנגענהייט צו זיין זון; יוסף ראָזענזאַפט דער מיליאָנער וואָס פירט אָן מיט בערגן-בעלזענער; דער מאָנטרעאַלער לערער טרעפּמאַן וואָס רופט די וועלט צו חשבון-הנפש, און דער ווינער וויזענטאַל וועמענס מיסיע אין לעבן איז צו כאַפּן געוועזענע נאַצים. דער פילם האָט געוואונען אַ ספּעציעלע אָנערקענונג.

דער צווייטער איז אַ טשעכישער קורצער פילם וועגן אַ טעפּער (געשפּילט פון אַ ליאַלקע) און אַן אמת'ער האַנט וואָס צווינגט אים צו מאַכן סטאַטועס פון זיך. דער טעפּער רעוואָלטירט און קומט אום דערפאַר, אָבער ער שטאַרבט ווי אַ העלד און אַפילו די האַנט מוז אים אָפּגעבן כבוד. קיין שטאַרקערער פּראָטעסט קעגן דיקטאַטור איז קיינמאָל ניט געמאַכט געוואָרן אין אַ קאָמוניסטישן לאַנד.

איבער אַ יאָר וועט דער פעסטיוואַל פאָרקומען אינם נייעם זאַל ביי דער וועלט אויסשטעלונג. אפשר וועט דאָס סטימולירן די פילם-רעזשיסערן פון דער וועלט צו געפינען נייע טעמעס מיט וועלכע צו באַלויכטן דעם עקראַן.